גוט שבת אלע אידן. אין בערך תש"מ איז ר' משה האלצלער ע"ה געגאנגען אויפ'ן גאס אין פלעטבוש, ברוקלין. ווען ער איז געגאנגען לעבען א שול, ער האט זיך אפגעשטעלט צו ליינען א סיין אין פראנט פון א שול, אויף וואס איז געשטאנען: "'די מעלות פון אידישקייט' א דרשה פונעם באקאנטן דר. ארעל שטיין דינסטאג נאכט 7:30." ווען ר' משה האט געזען דעם נאמען דר. ארעל שטיין, האט ער געטראכט א פאר סעקונדעס. פון וואו האט ער געקענט דעם נאמען? סוף כל סוף האט ער זיך דערמאנט פון וואו ער האט געקענט דעם מענטש. ר' משה איז געווארן איבערראשט. ווייל דר. ארעל שטיין איז געווען מיט ר' משה בשעת'ן מלחמה.

אין די טונקעלע טעג פון די צווייטע וועלט מלחמה האט ר' משה האלצלער ע"ה געוואוינט אין אונגארן. דורך די לעצטע שטיקל צייט פונעם מלחמה איז ר' משה געצוואונגען געווארן צו ארבייטן פאר די אונגארישע ארמיי, בויען און טון אנדערע שווערע ארבעט. מען דארף נישט דערמאנען אז די מצב איז געווען זייער געפערליך פאר די אידן וואס האבן געארבעט אין די אונגארישע ארמיי. אבער, ביים ענד פון די קריג איז דער מצב נאך ערגער געווארן. ווייל ווען די דייטשן, ימ"ש זענען אריינגעקומען אין אונגארן, האבן זיי אנגעהויבן אוועקצושיקן די אידן צו די לאגערן, רח"ל.

דער מצב פון די אידישע ארבייטערס אין די אונגארישע ארמיי איז געווארן שווערער מיט יעדען טאג. עס איז געווען נאך א שווערע טאג ארבייטן, אין חודש ניסן תש"ד, און די אידישע גרופע מיט וועם ר' משה האט געארבעט, האבן זיך אפגערוט אין א שטאל. פלוצלינג איז דר. שטיין אריינגעקומען אין דער שטאל. דר. שטיין האט אנגעהויבן צו פארציילן פאר די חברה אז ער האט א עצה קעגן די גרויסע סכנה פון די דייטשען ימ"ש וועלכע האבן געוואלט אוועקנעמען די אידן וואס האבן געארבעט אין די אונגארישע ארמיי. די עולם איז געווארן שטיל צו הערן וואס דר. שטיין וועט זאגן.

"דער ב'בכודיגע קעניג," האט דר. שטיין אנגעהויבן צו זאגן, "...דער פרינץ פון אונגארן האט זיך מציע געווען אן עצה. די באשוצונג פון דער קירכע. יעדער איינער וואס איז גרייט זיך צו שמד'ן, אזוי ווי איך האב לעצטענס געטון, וועט געראטעוועט ווערן פון די דייטשן." דער עולם איז געווארן שטארק אויפגערעגט אויף דר. שטיין. אפילו עס זענען געווען פרייע אידן צווישן די אידן דארט מיט ר' משה, האט קיינער פון זיי נישט מסכים געווען זיך צו שמד'ן. דר. שטיין איז שנעל ארויסגעגאנגען פונעם שטאל, ווייל דער עולם איז געווארן אזוי אויפגערעגט אויף אים. ר' משה האט קיינמאל נישט געהערט וואס איז געווארן מיט דר. שטיין. סוף כל סוף נאך א לאנגע שווערע מלחמה, איז ב"ה ר' משה געראטעוועט געווארן און איז ער געפארן וואוינען אין אמעריקע מיט זיין משפחה.

בערך 35 יארן שפעטער נאך זיין ארבייטן אין די אונגארישע ארמיי, איז ר' משה געגאנגען אויפ'ן גאס אין פלעטבוש ווען ער האט געזען דעם סיין "די מעלות פון אידישקייט א דרשה פונעם באקאנטען דר. ארעל שטיין דינסטאג נאכט 7:30." ר' משה איז געווען שטארק אינטערעסירט צו הערן א דרשה פון א איד וואס האט זיך גע'שמד'ט רח"ל עטליכע 35 יאר פריער. ר' משה האט זיך מיישב געווען צו קומען הערן די דרשה יענע דינסטאג נאכט.

אין דער דרשה, האט דר. שטיין גערעדט אסאך שיינע זאכן וועגן די וויכטיגקייט פון לימוד התורה, און דאווענען, וכו'. עס האט אויסגעזען צו ר' משה'ן אז דער דר. שטיין איז געווארן א בעל תשובה. פלא פלאים! האט ר' משה געטראכט פאר זיך. א פאר טעג נאכ'ן דרשה האט ר' משה זיך אוועקגעזעצט שמועסן מיט דר. שטיין, און דר. שטיין האט אנגעהויבן צו פארציילן זיין מורא'דיגע מעשה, ווי אזוי ער איז געווארן ערליך.

פאר מיר גייען ענדיגען די מעשה, לאמיר רעדן אביסל פון די טיפע ענינים אין דער פרשה, וועלכע האבן א שייכות מיט אונזערע מעשה. עס שטייט אין פסוק, "ואתה תצוה את בני ישראל וכו'... להעלת נר תמיד. באהל מועד מחוץ לפרכת אשר על העדת..." איר זאלט באפוילן די אידישע קינדער... אנצוצינדען דער מנורה, אין די אוהל מועד אין דרויסן פון די פרכת וואס איז אויפ'ן עדות. (שמות כז,כא) וואס פאר א שייכות האט די מנורה מיט דער "עדות." זאגט די גמרא, די מנורה האט געוויזן "עדות" אויף דער מציאות פון השי"ת. ווי אזוי? ווייל דער אויבערשטער האט געמאכט א נס, אז די לעכט אויף די מערב זייט פונעם מנורה איז קיינמאל נישט אויסגעלאשן. וועגן דעם האט דער אויבערשטער באפוילן משה רבינו ע"ה צו שטעלן די מנורה לעבן די עדות, ווייל די מנורה איז מרמז אויף עדות, ווייל דורך די נס פון דער מערב לעכט אויפ'ן מנורה, האבן מענטשן געגלייבט אין השי"ת. (מנחות פו:)

ליידער איז דער מנורה פארלוירן געווארן. אבער, אפילו מען האט נישט די מנורה אין היינטיגע טעג, איז דא אן אנדערע זאך וואס טוט ווייזן עדות אויף דער מציאות פון השי"ת. וואס איז עס? כלל ישראל. דאס וואס די אידן האבן דורכגעלעבט אלע רדיפות, און הריגות און שריפות דורך אלע דורות, ווייזט אויף דער מציאות פון השי"ת. ווייל אלע ריזיגע מעכדיגע קעניגרייכן למשל מצרים, בבל, יון, רומה, שפאניע, די דייטשן און די קאמוניסטן ימח שמם וזכרם, האבן פארטריבן און גע'רודפ'ט די אידן, אבער היינט זעט מען אז אלע זענען שוין נישט דא. אויב די גרעסטע קעניגרייכן האבן נישט לאנג געדויערט, איז קל וחומר בן בנו של קל וחומר האט די קליינע אידישע פאלק נישט געדארפט אויסדוירן ביז היינט. נאר וואס, מיר זענען א פאלק נישט ווי אלע אנדער פעלקער, מיר זענען א פאלק וואס לעבט מיט א השגחה פרטית פון אויבערשטען. אזוי ווי עס שטייט אין פסוק "אתם עדי נאם ה' ועבדי אשר בחרתי למען תדעו ותאמינו לי ותבינו כי אני הוא לפני לא נוצר אל ואחרי לא יהיה." איר זענט מיין עדות, האט דער אויבערשטער געזאגט. און איר זענט מיין קנעכט וואס איך האב אויסגעקליבן כדי איר זאלט וויסן און גלייבן אין מיר און פארשטיין אז איך בין דער וואס פאר מיך איז גאר נישט באשאפן געווארן און נאך מיך וועט גאר נישט באשאפן ווערן. (ישעיה מג,י – געהערט

<------

פון הרב אורי זוהר שליט"א) ווייל עס ווערט געברענגט אז "הרוצה לשקר ירחיק עדותו וכו'" איינער וואס וויל זאגן ליגן טוט דערווייטערן די עדות, כדי קיינעם זאל אים נישט קענען אפפרעגן. (המהר"ל מפראג זצ"ל, תפארת ישראל עמוד קעז - פרק נח, געהערט פון הרב אמנון יצחק שליט"א) איינער וואס וויל א ראיה פון דער מעמד אויף הר סיני דארף נאר קוקן אויף די עדות פון דעמאלט, ד"ה די אידן, וועלכן לעבן נאך אלס!

וועגן דעם איז דער פסוק "ואתה תצוה את בני ישראל וכו'... להעלת נר תמיד. באהל מועד מחוץ לפרכת אשר על העדת..." מרמז אויף כלל ישראל ווייל די אידן זענען "עדות" אויף השי"ת און די אידן זענען א "נר תמיד" ווייל דער פאלק וועט קיינמאל נישט אויסגעלאשן ווערן. לאמיר יעצט ענדיגען אונזערע אינטערעסאנטע מעשה...

...דר. שטיין האט אנגעהויבן צו דערציילן פאר ר' משה ווי אזוי ער איז געווארן א בעל תשובה. ווען דר. שטיין האט זיך ערשט גע'שמד'ט אין די מלחמה טעג, האט ער געהאט אסאך ספיקות. צו ער האט געטון די ריכטיגע זאך, אדער נישט? אבער צוביסלעך, ווען ער איז געוואר געווארן אלעס וואס איז געשען אין די מלחמה טעג, איז ער געווארן א גאנצער גוי. ווייל ער האט געהאט 'הכרת הטוב' פאר'ן קירכע אז כאילו זיי האבן געראטעוועט זיין לעבן אין די מלחמה. באלד נאך די מלחמה, איז דר. שטיין געווארן זייער אקטיב אין די קאטולישע רעליגיע. ער איז געווארן א פרומער גוי, דער אויבערשטער זאל אפהיטן.

א פאר יאר שפעטער איז דר. שטיין געפארן קיין רומה, איטליה צו די גרעסטע קאטולישע פלאץ, די וואטיקאן, וואו דער פופ'ס ימ"ש וואוינט. אפילו דר. שטיין האט זיך דעמאלט שטארק געהאלטן פאר א גוי, האט ער געשפירט אן אומרוהיגקייט ווען ער איז אריינגעגאנגען אין די גרויסע קירכען.

ביי דעם הייב-פונקט פונעם באזוך אין די וואטיקאן, איז די גרופע אריינגעגאנגען אין איינע פון די גרעסטע קירכען אין די וועלט. דר. שטיין האט דערזען א ריזיגע געטשקע פון ימרמורשטיין אין די פארם פון א מענטש מיט פליגלען. דר. שטיין האט באמערקט אז די ריזיגע געטשקע האלט עפעס אין זיינע הענט, און דר. שטיין האט שטארק געוואלט זען וואס עס איז. דר. שטיין האט געזען אז די געטשקע האט געהאלטן די לוחות, און עס איז געשטאנען עפעס אויפ'ן לוחות אין גאלדענע אותיות. דר. שטיין האט געבארגט בינאקאולערס פון איינעם פון די טוריסטען און ער האט אנגעהויבן ליינען די ווערטער אויפ'ן לוחות. ער איז ערשטוינט געווארן צו זען אז עס איז געשטאנען אידישע אותיות אויפ'ן לוחות. דר. שטיין האט כמעט אינגאנצען פארגעסן די ביסל לשון קודש וואס ער האט געלערנט אלס יונגעל. ער האט אנגעהויבן צו ליינען: "**אָנֹכִי ה' אֱלֹקֶיךָ**" דר. שטיין האט נישט געקענט גלייבן וואס ער האט געליינט, די עשרת הדברות! ער איז שנעל ארויסגעגאנגען פונעם קירכע צו כאפען זיין אטעם.

ווען ער איז שוין געווען אין דרויסן, האט ער אנגעהויבן טראכטן וואס האט יעצט פאסירט. "זיי שטעלן אוועק זייערע גאנצע רעליגיע אויף אידישקייט?!? זיי האלטן זיך אזוי גרויס. וואס פאר א חוצפה איז עס! ווי קענען זיי האלטן אז זיי זענען בעסער ווי די אידן?" א פאר טעג שפעטער האט דר. שטיין זיך געטראפן מיט דער הויפט רב פון רומה, וואס האט פארציילט פאר דר. שטיין אז עס זענען דא אין די וואטיקאן אלע כלים פונעם בית המקדש. די כלים זענען אוועקגעטראגן געווארן פון ירושלים קיין רומה כמעט 2000 יאר פריער, און זיי זענען נאך אלס אין די וואטיקאן. די נעקסטע טאג איז דר. שטיין צוריקגעגאנגען צום וואטיקאן כדי אנצוקוקן די כלים. ער האט טאקע געזען דעם ציץ פונעם כהן גדול מיט די ווערטער "קודש לה'"!!!

דר. שטיין האט פארלאזט רומה מיט אסאך ספיקות אין זיין קאפ וועגן זיין דרך החיים. אפשר האט ער געמאכט א טעות און ער האט געדארפט זיין א איד? אבער, ביז דערווייל איז דר. שטיין געבליבן א גוי. א פאר יאר שפעטער איז דר. שטיין געפארן אויף א באזוך קיין ארץ ישראל. דעמאלט האט ער שוין געהאט שטארקע הרהורי תשובה. ווען דר. שטיין איז אנגעקומען צו דעם כותל פאר'ן ערשטן מאל, איז ער געווארן איבערגענומען מיט הרגש און ער האט אנגעהויבן שטארק צו וויינען און קיינער האט אים נישט געקענט בארוהיגן. דעם זעלבן טאג איז ער געווארן א בעל תשובה גמור. (גענומען פון ר' משה האלצלער'ס אייגינע פארציילונג)

מען זעט פון דער מורא'דיגע מעשה דעם ענין פון "אתם עדי נאם ה'" ד"ה די אידן געבן עדות אויף די מציאות פונעם אויבערשטען. ווייל אפילו מען האט נעבעך פארלוירן אסאך אידן דורך די דורות, הי"ד, זעט מען בחוש אז ***עם ישראל חי וקים*** דורך אלע צרות. אזוי ווי עס ווערט געברענגט אין ר' יעקב עמדן זי"ע סידור, אז דאס וואס דער אידישער פאלק האט דורכגעלעבט אלע רדיפות דורך אלע דורות איז די בעסטע עדות פאר דעם מציאות הבורא. אמונה איז דאך דער אנהייב און סוף פון גאנץ אידישקייט. איז לאמיר זיך מחזק זיין אין אמונה פשוטה. און אפילו די מצב אין די וועלט קוקט אויס שווער פאר כלל ישראל, מען זאל זיך נישט זארגן, ווייל דער אויבערשטער האט אונז צוגעזאגט אז "ואף גם זאת בהיותם בארץ איביהם לא מאסתים ולא געלתים לכלתם להפר בריתי אתם כי אני ה' אלקיהם." (ויקרא כו,מד) **גוט שבת אלע אידן.**


**רפואה שלימה להרה"צ רבי יעקב יוסף בן חי' חנה שליט"א בתוך שאר חולי ישראל**

"...הכהן ואת יהושע..." מזל טוב למוה"ר יודל ליכטער שליט"א לרגל שמחת לידת נכדתו אצל חתנו מוה"ר יהושע העשיל שווארץ הי"ו

"ויגשו ראשי אבות הלוים אל אלעזר..." מזל טוב למוה"ר אלעזר דאנציגער הי"ו לרגל שמחת לידת נכדתו אצל חתנו מוה"ר מענדל לעוויא הי"ו

"ישמח משה במתנת חלקו, כי עבד נאמן קראת לו" מזל טוב למוה"ר חיים משה יוסף שמעלצער הי"ו

"...וישא אברהם את עיניו..." ולמוה"ר אברהם סיגלער הי"ו לרגל נישואי בניהם בשעטומ"צ

לעילוי נשמת האשה החשובה ברכה בת ר' דוד ע"ה כ' שבט תשס"ג • לעילוי נשמת ר' נח בן ר' יודא ז"ל • רפואה שלימה לפערל בת אסתר,חיים שמואל צבי בן מלכה בתוך שאר חולי ישראל • שתיקה יפה בשעת התפילה *"כל העונה אמן בכל כחו פותחים לו שערי גן עדן."* (שבת קיט:)

לנדב דף זה לרגל שמחה או אירוע אחר, נא להתקשר למתתי' וואלפבערג P.O. Box 334, Monsey, New York 10952 (845) 362-3234